Radomer-Kielcer Leben

44 (234)

Radom ראדאם פרייטאג

16 listopada 1928. ג' כסלו תרפ"ט.

פרייז 25 גראשען.


# ראדאמער-קעלצער
# לעבן

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען
זוהן, ברודער, שוועסטער און שוואָגער

**פנחס פרידמאַן**

מיט פר"ל **חיה זשיראַוו**
ווינשען מיר אייביגעם גליק
און צופרידענהייט.

פאַטער בנימין פרידמאַן,
שוועסטער, ברידער
און שוואָגער **פסח ווערבער.**

---

Z intenc'i zaręczyn
naszego ukochanego brata

Mojżesza z p. Luba Warszawska

życzymy wiecznej miłości i harmonji dusz

*Monia, Fiszel, Leon*

---

**Luba Warszawska** — Suchedniów.
**Mojżesz Berkman** — Radom.

ZARĘCZENI

w Listopadzie 1928.

---

אונזער ליבען זוהן **מ ש ה** צו זיין פערלאָבונג מיט פר"ל
**ליבא ווארשאווטקא** ווינשן איך דאס אייער זיווג זאל עולה
יפה זיין און זאל זיין א קשר של קיימא און אייער גליק זאל
אייך בעשיינען אויף אייער גאנצען לעבען און מיר זאלען
פון אייך פיעל נחת דערלעבען.

עלטערן: **זיסעל און גאלדזאלע בערקמאן**

---

מזל טוב דיר ליבער ברודער, שוואָגער און פעטער

**מ ש ה** צו דיין פערלאָבונג מיט פר"ל **ליבא ווארשאווסקא**

מיר ווינשען אייך א לאַנגדויערענדיגעס צופרידענעס
און גליקליכעס צוזאמענלעבען זאל אייער מזל
שיינען ווי די זון אין פריהלינג, בעזונדערס ווינשען
מיר די עלטערן זיי זאָלען פון אייך פיעל גוטס
דערלעבען.

**זעליג, פעסעלע און קינדער.**

---

צום פערלאָבונג פון אונזער ליבען ברודער, שוואָגער
און פעטער **משה** מיט פר"ל **ליבא ווארשאווסקא**
ווינשען מיר אייך דאָס איהר זאָלט בויען אייער
צוקונפטיגעס לעבען אויף די פונדאמענטען פון עכטען
גליק, צופרידענעס צוזאמענלעבען און עוויגע הארמאָניע
מאָנירענדע מיינונגען. אייער ברידער, שוועגערן

ישראל, מאניע און קינד.

---

Z intencji zaręczyn mego kolegi

Mojżesza Berkmana

z p. Lubą Warszawską

Życzy im różowej przyszłości
i harmonji dusz.

*Miron Joffe.*


NAJTRWALSZE-NAJELEGANTSZE
**ŚNIEGOWCE i KALOSZE**

ZNAK 1924 B.I.R.Co. RIGA. QUADRAT FABR.

MARKI „QUADRAT" RYGA.



DO NABYCIA WSZĘDZIE.

**Wyroby „Q U A D R A T" nagrodzone zostały:**
**MEDALEM ZŁOTYM w Wilnie w roku 1928.**
**MEDALEM ZŁOTYM w Sofji (Bułgarja) w roku 1928.**
**NAJWYŻSZEM ODZNACZENIEM „GRAND PRIX" w Rydze w r. 1928.**
**Przedstawiciel E. TUWIM, Warszawa, Leszno 12, Tel. 61-04.**



**WSPANIAŁE, A PRZYT...**



*tylko*

| | |
|---|---|
| KALOSZE DAMSKIE podszewka malinowa | Zł. 10.70 |
| KALOSZE MĘSKIE podszewka malinowa | Zł. 12.- |
| ŚNIEGOWCE DAMSKIE wierzch jersey, wyłóg. aksam. | Zł. 18.- |
| ŚNIEGOWCE DAMSKIE wierzch gabard., wyłóg. aksam. fason niski | Zł. 21.- |
| ŚNIEGOWCE DAMSKIE wierzch gabard., wyłóg. aksam. | Zł. 23.- |

**„PEPEGE"**

ŻĄDAĆ WSZĘDZIE!

MARKA PEPEGE FABR.

Polski
Przemysł
Gumowy
Tow. Akc.
w Grudziądzu.

קאַנט איהר זיך שוין פאַרשטעלען ווי אזוי זיצונגען זעהען אויס! ווי אזוי „החלטות“ ווערען אָנגענומען „איינשטימיג“, ווי אַזוי „מ'הויבט די הענד“ ווי אַזוי „מ'קלויבט“, ווי אַזוי מ'בעל הבית'עוועט, ווי אזוי ס'קומט צום אויסדריק אַ וואָרט קריטיק.

נאָר — צוריק צום „ענין“.

איין זאך האָבען זיי אָבער יאָ אויסגעפיהרט די אַברופערס:

האָט זיך אמאָל אַ פאַנישער משׂינאוניק, אַנ'אַלטער שנאַפּס-קאַפּיטאַן איינגע'עקשנ'ט דוקא צו ווערען בעוואוסט, דוקא צו „שטיין“ אין בלאַט.

געקלערט און געקלערט — און געפאַלען אויף אַנ'עכט פאַנישען אויפטהו:

אריינגע'שהכל'ט אַנ'אַרשין „וואָדקא“ צ'מזיק'ט זיך מיט א פאַר חברים און א ציה-אויס זיך געטהון אויף דער אדמה.

די המצאה — אַנ'אויסגעצייכענטע:

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט זיך בעוויזען אין שטאָדטישענבלאַט „א בכבוד'ע“ נאָטיץ בזה"אי לישנא:

„נעכטען 9 א זייגער אָווענד האָט די פּאָליציי געפינען אין רינשטאָק אַ שכור'ען און א צו'הרג'עטען דעם דיעיסטווויטעלני סטאַטסקי סאָוויעטניק איוואן ניקיפאראוויטש אקאקיעוו“.

ר'האָט אויסגעפיהרט — דער פאַנישער שהכל-מייסטער, ר'איז „געשטאַנען“ אין בלאַט.

אויב זיי איז אויך אין דעם געגאַנגען, צו שטעהן אין בלאַט, — דאַן האָבען זיי טאַקי אויסגעפיהרט, זענען זיי טאַקי „מפורסם“ געוואָרען, זענען זיי „גישטאַנען“ אין בלאַט.

די אַברופערס.

שוין איינמאָל געשטאַנען.

מ—ר.

# שוואַכע אויסזיכטען פאַר דער יודישער פאַרשטעהערשאַפט
## אין דער ניי-געוועהלטער ליידונג פון ראַדאָמער קר.-קאַסע.

בין צו די וואַהלען צום ראַט פון דער קראַנקען-קאַסע אין ראַדאָם איז שוין נישט ווייט און ראַך הערשט הן אין די אידישע אַרבייטער-רייהען און הן ביי די אידישע אַרבייט'ס-געבער א פערשלאָפענע אַפּאַטיע.

די קאָניונקטור — סיי פאַר די אידישע אַרבייטער און סיי פאַר די אַרבייט'ס-געבער — איז נישט קיין גינסטיגע. די צאָהל אידישע וואַהל-בערעכטיגטע איז א גאַנץ קליינע, אין בעצוג פון דער פראָפּאָרציאָנעלער פערהעלטניש פון דער נישט-אידישע, קארגע צעהן פראָצענט. דער טערמין פון נאָכקאָנטראָלירען די וועהלער-רשימות איז שוין לאַנג פערביי און אויפ'ן סך פון אויסצוגען קאָן מען שוין פעל-וויניג פעסטשטעלען, אַז אויף הכער עלף טויזענד וואַהל-בערעכטיגטע אין די אידישע וועהלער בין טויזענד זעי מצב איז שוין מיט דעם א קלאָגענדיגער, וואָס די אידישע רעפּרעזענטאַנץ זעהט זיך פאַר צו זיין א קליינע. צו אַזאַ מצב איז אפשר געוואָרען בכיון צוגעפירט... שוין אַ לענגערע צייט האָט אַלץ געשמעקט מיט וואַהלען, נאָר שוין איינמאָל געוואָרען אָפּגעלייגט, האָט מען טאַקע נאָכגעלאָזט די לייצעס, מ'האָט זיך נישט געקימערט, אז דער אידישער אַרבייטער, אָדער אָנגעשטעלטער זאָל זיין פערשריבען, מ'האָט נישט שטאַרק מקפיד געווען, אזויפיל לטובת די אידישע אַרבייטס-געבער, גיכער מיט דער אויסרעכענטקייט נאָך וואָס אזויפיל אידישע שטימען, בעסער נאָך אַלעס. ווען אַ סך אידישע פערזיכערטע וועט גאָר נישט אָבשרייקען, דאַמאָלס וועט מען שוין צוהיטען...

דאָס אַלץ איז א געשעהענער פאַקט, וויאזוי זשע קאָן ווייטער אויסזעהען? אויף דרייסיג ראַטמענער פון דער אַרבייטער קוריע איז דאַ אויסזיכטען, זאָלען מיר זאָגען, ביז דריי אידישע ראַטמענער, לויט דער פּראָפּאָרציע, אַנשטאָט זעקס ביז היינט: 4 פון פּועלי-ציון און 2 פון בונד. צו האָבען אַ פערטרעטונג אין פערוואַלטונג ברויך מען האָבען פינף ראַט-שטימען, ווי זשע וועט טאַקע זיין? אויף א צושפּליטערונג אין די פּוילישע רייהען רעכענען איז אויך נישט קאָנסעקווענט. און די היגע פּ. פּ. ס. האָט די רעוואָליוציאָנערע פראַקציע נישט די מינדעסטע השפעה, אזוי, אַז אין די פּ. פּ. ס. וועט צו קיין צוויי ליסטעס נישט קומען. רעכענען קאָן מען אויף אַ ליסטע פון די רויטע, כאַדעקעס. אַביסעל רעכענע שאַנסירונגען און אפשר מעסיגע אויך. דאָס אַלץ קאָן נישט הייבען קיין וויכטיגען אויסגאַנג לטובת די אידישע אַרבייטער-רייהען, ווייל סוף כל סוף די פּראָפּאָרציע פון אידישע בין נישט-אידישע איז אַזאַ גרויסע, אַז דאָס קאָן נישט קומען אין בעטראַכט.

ווי אזוי זעהט אויס איגערהאַלב אין דער אידישער אַרבייטער-גאַס. דריי פאַקטאָרען קומען אין בעטראַכט ביי די יעצטיגע וואַהלען צו דער קראַנקען-קאַסע: פּועלי-ציון, וועלכע האָט ביז אַצינד געהאַט פיער מיטגלידער אין ראַט און איינעם אין פערוואַלטונג, בונד מיט צוויי מיטגלידער אין ראַט און דער דריטער איז די פּועלי אמוני ישראל, וועלכע טרעט, אַגב, ארויס צום ערשטען מאָל אין היגען עפענטליכען לעבען. דער וואַהל-קאַמפּף וועט זיך צופלאַקערען, ווי דער שטייגער איז, יעדע פּאַרטיי וועט וועלען דערהאַלטען איהר פּרעסטיזש און ציהען שטימען פאַר איהר ליסטע. אַנית קיין גרויסע וואַהל-לאָזונגען זענען נישט דאַ. דיפערענקייט איז אַ בעגרעניצטע. ס'האַנדעלט זיך נור וועגען סאַצ'אַלע הילף אויפ'ן מעדיצינישען געביעט און נאָך איינגע פראַגען, וועלכע מ'קאָן בעטראַכטען פאַר ספּעציפיש אידישע, זוי צו-נעמען אידישע בעאַמטע א.ד.גל. אָבער נישט קוקענדיג אויף דעם וועט פאָרט נישט זיין קיין שום פּאַרטיי, וועלכע זאָל קאָנען אָבציהען אַלע שטימען. אין רעזולטאַט ביי אַצושפּליטערונג פון די אַרבייטער כחות, וואָלט מען אפילו נישט אדורכגעפיהרט קיין איין ראַט-מיטגליד. אייפער דעם דאַרפט מען נעמען אין אַכט די אַלטע פּראַקטישע ערפאַהרונג און אפילו ביי דער שטאַרקסטער וואַהל אַגיטאַציע איז די פרעקווענץ נישט קיין גרויסע ביי אידישע וועהלער, ס'דערגרייכט מעהרסטענטייל ביז זעכציג פּראָצענט. ממילא זיך אויך רעכענען מיט דעם וואָס אַביסעל אידישע שטימען וועלען אויך אַבציהען די רויטע און וואָס זשע הטט טאַקי זיין? זאָל די אידישע פערזיכערטע אין דער היגער קראַנקען קאַסע נישט האָבען צו ווענדען זיך צו וועמען און דער צייט ווען זיי וועלען ווערען בעוולה? דער מצב איז שוין גענוג קלאָגענדיג דערמיט וואָס ס'איז נישט דאַ קיין אויסזיכט אויף אַ אידישען פערוואַלטונג'ס מיטגליד. ווי מ'זעהט אויך פאַר אין ראַט זעלבע ביי די אַרבייטס-געבער. אויך ביי זיי איז עס נישט פריגעלדיג און וואַרשיינליך וועט פון דער קוריע נישט זיין קיין אידישער פעריוואַלט.-מיטגליד. די פערוואַלטונג

דעסטוועגען ראַכעליא געפיהלט מיט איהר פרויען-אינסטינקט, אַז דאָס איז נישט מעהר ווי אַ אויסרייד און, אַז אין דער אמת'ען איז ה' ר. אייטען מיט דעם צו ערקלערען זיך אין איהר צופעליגערווייזע אין ליבע.

און ראַכעליא האָט טאַקע קיין טעות נישט געהאַט.

מ'איז געבליבען זאַלבעדריט אין וויען, מיט אַלע כחות האָט מען זיך בעמיהט נישט צו פאַלען ביי זיך. כדי זיך צו אונטערגעבען קוראַזש איז מען געגאַנגען אין קינאָ טעאַטער, אויף קאָנצערטען און די גאַנצע צייט האָט זיך ה' ר. געהאַלטען מעהר פון דער נאָהנט פון ראַכעליאַ. ער האָט פאַר א הר גע-

(פאָרטזעצונג קומט)

בעקאנטמאכונג.

דערמיט האב איך דעם כבוד בעקאנט צו מאכען די יודישע בעפעלקערונג פון ראדאם און אומגעגענד

אז מיין לאנג-עקזיסטירענד מאנופאקטור-געשעפט איז פון רוויינסקא 23 איבערגעטראגען געווארען אויף לובלינער 7 פראנט

און איז פערזעהן מיט א גרויסען לאגער פון פערשידענע סחורות ווי: טוך, קאמגארן, קארטען אויך א גרויסער דאמען-שטאפען ווי: זיידענס אויסוואהל פון א. ד. גל.

רעעלע פרייזען, ביי די בעסטע בעדינגונגען!

מיט אכטונג

שמואל קארמאן לובלינער 7 פראנט.

סאלידאציע אן די פ. פ. ס. אזוי ווי ס'איז סאקכיש געשעהען בעת די אויבענדערמאנטע וואהלען פון שט.-ראט. פון מיין זייט, צוליב די גאנצקייט און ניט צושפליטערן די ארבייטער-רייהען, איז אויס'ן וועג צו א קאנסאלידאציע בעת די נעכסטע קר.-קאסע-וואהלען ניטא קיין שום מניעה.

אבער ווייל איך דורכגעהענדיג דערמאנען דעם פאקט מיט'ן בינדישען דעלעגאט 'ח' זיבערט פון ווארשא אויף א געמיינזאמע בעראטונג ביי די שטאדט-ראט וואהלען, וועלכער האט דאן ביי-געלעגט פערש־דענע אויפרופען ארויס-געגעבען פון די פ. צ. אין ווארשא געגען דער פ. פ. ס. ווי דער חבר פיי-געגבוים געדענקט געווים. איז דאס געווען א שטערונג צו דער דאמאלסדיגער פאראייניגונג. איך בעמערק דאס דער-פאר, אז אזעלכע פאלען זאלען זיך מעהר ניט איבער'חזר'ען און ס'זאל ארויס-געוויזען ווערען א איבערצייגענדער און ערנסטער ווילען פאר א קאנסאלידאציע צו די פארשטעהענדע וואהלען פון קראנקען-קאסע.

ד. סטודניע.

Od wielu lat już istniejące

Biuro Próśb TŁOMACZEŃ i PRZEPISYWAŃ

p. f. „PROLITEX"

RADOM, WAŁOWA 5, oficyna I-e piętro.

USKUTECZNIA

Podania, skargi, opozycje, apelacje w sprawach cywilnych, karnych oraz rekursy do wszystkich urzędów państwowych i administracyjnych.

KORESPONDENCJA HANDLOWA

i nadal, jak w latach ubiegłych ZAŁATWIA

WYKUPYWANIE PATENTÓW NA ROK 1929

## פון סוחרים-פעראיין

די פערוואלטונג פון סוחרים-פעראיין מאכט בעקאנט, אז עס איז געבליבען נאר א פאר טעג צייט צו רעיעסטרידען זיך. די רעיעסטראציע פיהרט דורך דער סעקרעטאריאט פון סוחרים-פעראיין יעדען טאג אין אמט-שעה'ן.

צייט א פאר וואכען איז געשאפען געווארען א יורידישער רעסארט, מיט וועלכען ס'פירט-אן אנ'אפליקאנט-אדוואקאט.

עס ווערען ערטיילט יעדען טאג יורידישע עצות דינסטאג און דאנערשטאג פון 8—9 אווענד.

## ס'געהען וואהלען

דער בעסטער סימן, אז די וואהלען צו דער קהלה זענען נאהנט, איז דאס, וואס אויפ'ן ראדאמער ברוק האט זיך בוויזען א וואהל-בלעטעל, וואס איז אנגעפילט געווארען כמעט בלויז פון גמינע-לייט. שוין זייט לאנגע חדשים נעהען ארום די גמינע-לייט מיט זייערע בעלפערס און זאמלען צונויף געלד אויף א „צאטונג".

ווי לאנג דאס וואהל-בלעטעל וועט עקזיסטירען איז אבהענגיג דערפון, אויף ווי לאנג דאס צונויפגעזוכענע געלד וועט קלעקען.

## „ראדאמער-קעלצער לעבען" ערשיינט אלס טאג-צייטונג

ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט אונזערע לעזער הויבט-אן אין גיכען ערשיינען אונזער צייטונג אלס טאג-צייטונג אין גרויסען פארמאט.

אונזער טאג-צייטונג וועט ארומנעמען דאס אלגעמיין-פאליטישע לעבען אין לאנד און ברענגען די פרישסטע ידיעות וועגען אלע געשעהענישען, ערשיינונגען און פאסירונגען אין דער מדינה, ווי אויך פון אויסלאנד.

אין אונזער טאג-צייטונג וועלען רע-גולער און סיסטעמאטיש מיטארבייטען די בעסטע זשורנאליסטישע, פובליציסטישע און ליטעראריש כחות. אין אונזער טאג-צייטונג זענען אנגאזשירט די בעסטע קארעספאנדענטען פון אלע צענטער'ס פון לאנד גופא און אויך פון אויסלאנד.

אונזער טאג-צייטונג וועט אביעקטיוו און וואהרהאפטיג אבשפיגלען אלע אקטועלע פראגען, וואס שייך דער ווירט-שאפטליכער און עקאנאמישער לאגע בכלל און פון דער יודישער בפרט.

אונזער טאג-צייטונג וועט געבען טאג-טעגליך פרישע נייעס פון אונזער שטאדט-וועט יעדער געשעהעניש פון אלע טיילען און ווינקלען פון און ארום ראדאם תיכף מיטגעטיילט אין דער גענויעסטער קלארקייט די לעזער, וועלכע וועלען אזוי נאך האבען א פאלקאמע צייטונג מיט די פרישסטע ידיעות פון אלע אינלענדישע און אויסלענדישע צווייגען און געביטען צוזאמען מיט ארטיג טעגליך צאפלדיג נייעס פון ראדאם.

אונזער טעגליכע צייטונג וועט ערשיי-נען אין דער גרויס פון די ווארשאווער צייטונגען און וועט קאסטען בילליג און מיט זיין גרינגקייט, לעבעדיגקייט און אונפארטייאישקייט זיין צוגענגליך פאר די ברייטסטע מאסען פון אונזער שטאדט.

גאר קירצליך וועט די ערשיינונג פון אונזער טעגליכע צייטונג זיין א געשעהענער פאקט און וועט טאג-ביי-טאג ברענגען יעדען פריהמארגען די פרישסטע ארטיגע נייעס פון קליינסטען ביז גרעסטען און אלץ וואס קאן נאר ארויסרופען אינטערעס ביי אונזערע לעזער.

## עטליכע ווערטער וועגען „בר-כוכבא"

(צוגעשיקט)

אין צוזאמענהאנג מיט די לעצטע מיספערשטענדעניש... מיספראלגען פון דער היגער ספארט-געזעלשאפט „בר-כוכבא" לאזט זיך מערקען א געוויסע אפאטיע אין די קרייזען, וועלכע האבען א געוויסע סימפאטיע פאר דער אלגעמיינער ספארט-בעוועגונג אין ראדאם. גלייכצייטיג זוכען די מענשען ניט געשטויגענע סיבות, וועלכע זאלען כלומרשט האבען גורם געווען צו דער אפשוואכונג פון דער „בר כוכבא"-מאנשאפט, זעהענדיג אין א געוויסע מאס די שולד אין דער ליטונג אין צוזאמענהאנג מיט דער ענטשטאנענער דיסציפלינלאזיגקייט און ווירטשאפטליכע דעפעקטען. ס'אין קלאר, אז די דאזיגע טענות שטימען ניט מיט דער ווירקליכקייט און שטעהען ווייט פון דער פאקטישער זאכלאגע.

אום צו געבען א קלאר בילד וועגען דעם יעצטיגען צושטאנד פון דער מאנשאפט, וועלען מיר מאכען א קורצען איבערבליק פונ'ם לעצטען כפארט פעריאד און אנווייזען די אייגענטליכע סיבות וועלכע האבען דערפיהרט צום יעצטיגען צושטאנד.

אויסקומענדיג אין פערגאנגענעם יאהר די מייסטערשאפט פון קלאס „ב" און דאס גלייכצייטיגע איבערטראגען

(סוף זייט 10).

